© copyright 2003 AFII

# קאַפּיטל איינס

[1] בְּרֵאשית (אין אָנהויב) איז געווען דאָס דבר השם און דאָס דבר השם איז געווען אַגַב (צוזאַמען) השם, און דאָס דבר השם איז געווען גאָרניט ווינציקער, פון דער נאַטור, ווי אלוהים!

[2] בְּרֵאשית (אין אָנהויב) דער דבר השם איז געווען מיט השם.

[3] אלץ דורך אים איז געוואָרן, און אָן אים איז ניט איין זאַך געוואָרן וואָס געוואָרן עס איז.

[4] אין אים איז געווען חיים (לעבן) און דער חיים (לעבן) וואָס דאָס אור (ליכט) פון בּני אַדַם.

[5] און דאָס אור (ליכט) שיינט אין דעם חושך (פינסטערניש), און דער חושך האָט דאָס ניט פאַרשטאנען.

[6] עס איז געקומען אַ איש הָאֱלֹהִים (אַ מאַן פון ג-ט), געשיקט געוואָרן פון השם. זיין נאָמען איז געווען יוחָנָן.

[7] דער יוחָנָן איז געקומען אַלס אַן עֵדות, אז ער זאָל קענען געבן פייערלעך עדות (עדותשאַפט) וועגן דעם אור (ליכט) אַז כל בּני אדם (די גאַנצע מענטשהייט) זאָל האָבן אֱמונה (גלויבן) דורך אים.

[8] דער איש הָאֱלֹהִים איז ניט געווען די אור (ליכט), נאָר ער איז געקומען דּדי ער זאָל געבן פייערלעך עֵדוּת (עדותשאַפט) וועגן דעם אור (ליכט).

[9] דער אור, דער אור הָאַמִתּי (דאָס אֱמֶתּע ליכט), וואָס גיט ראַציאַנאַלע השכָּלָה (אויפקלערונג) צו כל בּנֵי אַדַם (די גאַנצע מענטשהייט), וואָס האָט אָנגעהויבן קומען אין דעם עולם הזה.

[10] ער איז געווען אין דעם עולם הַזֶה, דער עולם (די וועלט) איז געוואָרן דורך אים; אָבּער דער עולם הַזה האָט אים ניט געקענט.

[11] ער איזגעקומען צו זיינע אייגענע, און זיינע אייגענע האָבּן ניט מְקבּל (אויפגענוּמען) די קבּלות הַמַלְכות פון אים.

[12] אָבּער וויפיל עס האָבּן אים לקַבּוּל פּני משיח (אים אויפגענומען אַלס משיח), צו זיי האָט ער געגעבּן דעם תּקֶף (גילטיקייט) צו ווערן טאַקע ילדים האֱלֹהים.

[13] ער געגעבּן האָט דעם תּקֶף צו די איינע ווּעמעס געבּורט איז ניט געווען דורך די אַגענטור פון נאַטירלעכע אפּשטאַם, אָדער פון דעם רצון (ווילן) פון בָּשָׂר (געפאַלענע מענטשליכע נאַטור), אָדער פון דעם רצון פון אַ גבֶר (מאַן) נאָר, צו די אייניקע געבּוירן פון גאָט.

[14] און דער דבר השם האָט אָנגענומען גופָניות (קערפּערלעכקייט) און האָט געמאַכט זיין מִשְׁכַּן (סוכּה) צווישן אונדז, און מיר [שלוחים] האָבּן געגאַפּט אויף זיין כּבוד, די שכינה פון דעם בֵּן יחיד פון אלֹהים הַאַב, פול מיט השם'ס חֶסֶד וְאֶמֶת.

[15] און יוחנן גיט פייערלעך עדות (עדותשאַפט) וועגן אים און האָט אויס גערופן [אַלס אַ מַגיד פאַר משיח], דאָס איז געווען דער וועגן וועמען איך האָבּ געזאָגט, הוּא הַבָּא (דער וואָס קומט [איבּערזעצינג נאָטיץ: דאָס איז, רבּי מלך המשיח] דער וואָס קומט נאָך מיר איז בּאֱמֶת פאַר מיר פון פריער, וויל, איידער איך בּין געקומען, איז ער געווען.

[16] ווייל פון דעם כּל מלוֹא (די גאַנצע שֶׁפַע) פון אים האָבּן מיר אלע בּאַקומען חֶסֶד אויף חֶסֶד.

[17] ווייל דער מתן תורה (דאָס געבּן פון דער תורה) איז מיט חֶסֶד געגעבּן געוואָרן דורך משה רבּינו, אָבער חֶסֶד און

אמת פון השם זיינען געקומען דורך [רבי] מלך המשיח יהושע.

[18] קיינער האָט קיינמאָל געזען השם. עס איז אלהים דער בֵּן יָחִיד (וועלכער טיילט זיך מיט דעם נאַטור פון השם, דאָס איז ער, דער וואָס איז אין דעם חֵיק (שויס) פון הָאָב, דער אייניקער איז השם'ס באַשטימטער מִדרש (פֵּרוש).

[19] און דאָס איז דער פייערלעך עדות (עדותשאַפט) פון יוחנן, ווען די פון יהודה האָבן געשיקט כֹּהַנים און לויים פון ירושלים צו אים כדי זיי זאָלן אים פרעגן, מי אָתָּה? (ווער ביסטו?)

[20] יוחנָן האָט הודָאָה (מודה געווען) ...ער האָט ניט הַכְחָשָׁה (פאַרלייקנט), ער האָט הודָאָה (מודה געווען), און האָט קלאָר געזאָגט, איך בין ניט דער [רבי] מלך המשיח.

[21] און זיי האָבן געפרעגט יוחנן, וואָס, דען? ביסטו אֵלִיָהוּ הנביא? און יוחנן זאָגט, איך בין ניט. ביסטו דער נָביא? און ער האָט געענטפערט, לֹא (ניין).

[22] דעמאָלט האָבן זיי געזאָגט צו אים, מי אַתָּה? כדי מיר זאָלן קענען געבן אַ תּשוּבָה (ענטפער) צו די וועלכע האָבן אונז געשיקט. וואָס זאָגסטו וועגן זיך אַליין?

[23] יוחנן האָט געזאָגט, איך בין אַ קוֹל קוֹרֵא בַּמִדְבַּר, מאַכט זלייך דעם דֶרֶך השם! ווי ישעיה הנביא האָט געזאָגט.

[24] און די וואָס זיינען געשיקט געוואָרן זיינען געווען פון די פּרוּשים.

[25] און די פּרוּשים האָבן געפרעגט יוחַנן, אויב דו ביסט ניט דער [רבי] מלך המשיח און ניט אֵלִיָהוּ און ניט דער נָביא, טאָ פאַרוואָס פירסט דו אָן די מִקְוֶה מַיִם טְבִילָה?

[26] יוחנן האָט געענטפערט די פּרוּשים, איך גיב אַ טְבִילָה אין אַ מִקְוֶה מַיִם; צווישן אייך שטייט איינער וועמען איר האָט

ניט קיין דַעַת.

[27] הוּא הַבָּא (ער וואָס קומט [איבערזעצינג נאָטיץ: דאָס מיינט, דער רבי מלך המשיח] דאָס איז, דער וואָס קומט נאָך מיר איז איינער וואָס איך בּין ניט ווערט אפילו צו אָפּבּינדן די רימענדל פון זיין סאַנדאַל.

[28] די געשעענישן זיינען פאָרגעקומען אין בית עַנְיָה עֵבֶר-ירדן, וואָס יוחנן האָט גענוצט אַלס אַ מקוה מים וואו צו דורכפירן די טבילה.

[29] אויף דעם קומענדיקן טאָג, האָט יוחנן געזען יהושע קומענדיק צו אים, און יוחמן זאָגט, הִנֵה! דער שֵׂה (לאַם) האלֹהים, דער איינער וואָס נעמט אוועק די עוונֹות העולם הזה.

[30] דאָס איז ער וועגן וועמען איך האָבּ געזאָגט, נאָך מיר קומט אן איש וואָס איז בּאֱמֶת פאַר מיר אין בילכערקייט, ווייל, איידער איך בּין געקומען, איז ער געווען.

[31] און איז האָבּ אים ניט געקענט, אבּער כּדי ער זאָל ווערן ארויסגעוויזן צו כּלַל ישראל, בּן איך געקומען, דערפאַר, צו אָנפירן די מקוה מים טבילה.

[32] און יוחנן האָט געגעבּן פייערלעכע עדות (עדותשאַפט), איך האָבּ געזען דעם רוחַ הקודש אַראָפּנידערן ווי אַ יונָה (טויבּ) פון שמים און בּלייבּן אויף אים.

[33] און איך האָבּ אים ניט דערקענט, אָבּער דער איינער וואָס האָט מיר געשיקט צו געבּן די מקוה מים טבילה האָט צו מיר געזאָגט, אויף וועמען דו זעסט דעם רוח הקודש נידערט זיך אַראָפּ און פאַרבּלייבּט, דער איז דער איינער וואָס גיט די טבילה אין דעם רוח הקודש.

[34] און איך האָבּ געזען און איך האָבּ געגעבּן פייערלעכע עדות (עדותשאַפט) אַז דער איינער איז דער בֶּן האלוהים.

[35] אויף דעם צווייטן טאָג, איז יוחנן געשטאַנען מיט צוויי פון זיינע תלמידים.

[36] און אַז יוחנן האָט געקוקט ווען יהושע איז פאַרבײַ געגאַנגען, יוחנן זאָגט, הִנֵה! דער שֶׂה (לאַם) האלֹהים!

[37] און די צוויי תלמידים האָבן געהערט יוחנן רעדנדיק, און זיי האבן אים נאָכגעפאָלגט.

[38] ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט און געזען זיי נאָכפאָלגנדיק, האָט ער געזאָגט צו זיי, מַה-תְּבַקֵּשוּן? (וואָס זוכט איר?) און זיי האָבן געזאָגט צו אים, רבּי (וואָס מיינט, אין איבּערזעצונג, מיין מייסטער מורֶה [לערער], וואו איז דיין מקום מגורים (וואוינינגס פלאַץ)?

[39] און ער זאגט צו זיי, בּאוּ וּרְאוּ (קום און זע!) דערפאַר, זיינען זיי געגאַנגען, און האָבן געזען זיין מקום מגורים, און איינגעשטאַנען מיט אים יענעם טאָג. די שָעה איז געווען ארום דער צענטער (פיר אזייגער נאָך מיטאָג).

[40] איינע פון די צוויי איז געווען דער אחי שִמעון כֵיפָא. זיין נאָמען איז געווען אַנדריי. ער איז געווען איינער פון די צוויי וואָס האָט געהערט יוחנן און נאָכגעפאָלגט האָט אים.

[41] אַנדריי צוערשט געפינט זיין אייגענעם אחי שִמעון כֵיפָא און זאָגט צו אים, מיר האָבּן געפוּנען דעם רבּי, מלך המשיח! (דאָס וואָרט, אין איבּערזעצונג, מיינט דעם מָשיח).

[42] אַנדריי פירט שמעון צו יהושע. ווען יהושע האָט אַ בּליק געטאָן אויף שִמעון, האָט ער געזאָגט, דו בּיסל שִמעון בּר יוֹנה. דו וועסט אָנגערופן ווערן כֵיפָא וואָס איז פאַרטייטשט פֶּטרוֹס [פעלדז].

[43] אויפן צווייטן טאָג האָט ער געוואָלט ארויסגיין צו דעם גליל, און ער האָט געטראָפן פיליפּוֹס, און געזאגט צו

פיליפוס, פאָלג מיר נאָך [אַלס מיין תלמיד].
[44] איצט פיליפּוס איז געווען פון בית צידָה, דאָס שטעטל פון אַנדריי און כֵּיפָא.
[45] פיליפּוס האָט אָנגעטראָפן נתַנאֵלן און געזאָגט צו אים, ער וועגן וועמען משה רבינו האָט געשריבּן אין דעם ספר תּורה, דער וועגן ועמען די נביאים האָבן אויך געשריבּן יהושע בן יוסף [בּן דוד], פון נַצֶרֶת האָבּן מיר געפונען!
[46] און נתנאל האָט געזאָגט צו פיליפּוס, קען עפּעס גוט שטאַמען פון נצרת? פיליפּוס זאָגט צו נתנאל, בֹּא וּרְאֵה (קום און זע!)
[47] יהושע האָט געזען נתנאל קומענדיק צו אים און ער זאָגט, הנה! אַן עכטער בּן-ישראל, אין וועמען עס איז ניט פאַראַן מִרְמָה (פאלשקייט).
[48] נתנאל זאָגט צו אים, ווי אַזוי האָסטו דעת (פארשטאַנד) וועגן מיר? אין ענטפערן, האָט יהושע געזאָגט צו אים, איידער דו האָסט בּאַקומען דיין קְרִיאָה פון פיליפּוס, ווען דו בּיסט געווען אינטער דעם עץ התְּאֵנָה (פייגנבּוים), האָבּ איך געקיקט אויף דיר.
[49] אין ענטפער, נתנאל האָט געזאָגט צו אים, רבּי, דו בּיסט דער בן האלוהים, דער רבּי מלך המשיח פון ישראל.
[50] אין ענטפער, האָט יהושע געזאָגט צו נתנאל, ווייל איך האָבּ דיר דערציילט אַז איך האָב דיר געזען אינטער דעם עץ התְּאֵנה, האָסטו אמוּנה (גלויבּן)? גרעסערע זאַכן ווי די וועסטו זען.
[51] און ער זאָגט צו נתנאל, אמן, אמן, איך זאָג צו דיר, דו וועסט זען השָׁמַיִם ווערן געעפנט און מלאָכים פון השם וועלן ארויפגיין און אראָפּקומען אויף דעם בּן האדם. :